


# ניו יאָרק סטעיט דעפּארטמענט און לעיבאר

## קלעימענט אדוואקאט אפיס

דער קלעימענט אדוואקאט אפיס פונקציאנירט אינערהאלב די דעפארטמענט און לעיבאר'ס ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפטיילונג, באזונדער פון די טעלעפאן קלעימס צענטער. אַדוואָקאַטן שטעלן צו אומזיסטע, יושר'דיגע און געהיימע סערוויסעס וואס העלפן קלעימענטס, איבערהויפט די וועלכע האבן באגרעניצטע ענגליש באַהאַוונטקייט אָדער אנדערע באגרעניצונגען, פארשטיין זייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן אונטער די ארבעטלאזיקייט אינשורענס געזעץ.

## ווען זיך צו פארבינדן מיט די קלעימענט אדוואקאט אפיס

מיר קענען אייך העלפן אויב איר:

- האט באקומען א באַשטימונג אדער אן אויספרעג און פארשטייט עס נישט גענצליך
- זענט געפינען געווארן אלס נישט-בארעכטיגט פאר בענעפיטן און דארפט אז מען זאל אייך ערקלערן דעם הירינג פראצעדור
- שטייט פאר א הירינג אדער אפיעל און דארפט הילף זיך צוצוגרייטן דערצו

## ווען זיך צו פארבינדן מיט די טעלעפאן קלעימס צענטער אנשטאט דעם

רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער אויף **888-209-8124** ווען איר:

- ווילט אריינגעבן א נייע קלעים
- ווילט אן אפדעיט אויף דעם סטאטוס פון אייער נייע אדער עקזיסטירנדע קלעים
- האט א ספעציפישע פראגע וועגן אייער קלעים
- מען האט אייך געהייסן זיך פארבינדן מיט די טעלעפאן קלעימס צענטער

## קאנטאקט אינפארמאציע

ביטע רופט **855-528-5618** צו רעדן צו אן אדוואקאט: מאנטאג - פרייטאג, 9 AM - 4 PM.

איר קענט אונז אויך שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש (בלויז ענגליש): לאג'ט אריין ביי **labor.ny.gov/signin**. פון אייער אינבאקס, וועלט אויס "Compose New" (שרייבן א נייע) און פארן קעפל וועלט אויס "Claimant Advocate Office" ("קלעימענט אדוואקעיט אפיס") פארן קעפל.

## זענט איר נישט פליסיג אין די ענגלישע שפראך? מיר קענען העלפן!

סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט דורכן טעלעפאן אין אומגעפער 200 שפראכן. מיר קענען ערקלערן די ארבעטלאזיקייט אינשורענס פראצעדור אינעם שפראך וואס איר וועלט אויס.

## ווי אזוי צו באקומען לעגאלע הילף

די שטאב ביים קלעימענט אדוואקעיט'ס אפיס זענען נישט קיין אדוואקאטן און קענען אייך נישט פארטרעטן ביי א הירינג. אויב איר קענט זיך נישט ערלויבן צו באצאלן קיין אדוואקאט אדער רעגיסטרירטע פארטרעטער, קענט איר מעגליך באקומען אומזיסטע פארטרעטונג פון א פרא-באנא אדוואקאט אדער אייער לאקאלע ליגעל עיד סאסייעטי אדער לעגאלע סערוויסעס פראגראם.

פאר א ליסטע פון לעגאלע ריסורסן, אריינגערעכנט אדוואקאטן, רעגיסטרירטע פארשטייערס, לעגאלע סערוויסעס פראגראמען און פרא באנאו אדוואקאטן ארגאניזאציעס, גייט צו דער ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אפעלאט בלאט וועבזייטל אויף **uiappeals.ny.gov**. קליק'ט די "Helpful Information" (בייהילפיגע אינפארמאציע) טעב און דערנאך קליק'ט אויף "Guides and Resources" (וועגווייזערס און הילפסמיטלען). וועלט אויס די "List of Attorneys & Authorized Agents" (ליסטע פון אדוואקאטן און אויטאריזירטע אגענטן). איר קען אויך בעטן די ליסטע דורך רופן **518-402-0205**.